זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער אָפּיציעלער רו־טאָג איז זונטאָג און נישט שבת. איינער, וואָס וויל שטודירען מעדיצין, איז ממש געצוואונגען מחלל שבת צו זיין. בשעת די אַנדערע פאַקולטעטען זיינען אָפּטמאָל טאָלעראַנט בנוגע די רעליגיעזע באַדערפענישען פון דעם סטודענט, ווייזט דער מעדיצינישער פאַקולטעט נישט אַרויס קיין פאַרשטענדעניש פאַר רעליגיעזע הצטרכות'ן.

די אומטאָלעראַנץ האָט אַ צוויי־פאַכע סיבה: 1) די אַדמיניסטראַציע פון אַ מעדיקאַל־סקול באַטראַכט דאָס צולאָזען, אַפילו פון דעם פעאיגסטען סטודענט, צו דעם שטודיום פון מעדיצין אַלס אַן אויסערגעוויינליכען חסד. ממילא, האַלט זי, אַז דער סטודענט דאַרף זיין אַ מכיר־טובה און מקבל באהבה זיין אַלץ וואָס די רוטין פון דער סקול פאַרלאַנגט. די קלענסטע פאָדערונג פון סטודענט בנוגע שבת אָדער יום טוב, וועלכע פאַראורזאַכט די מינדעסטע אַדמיניסטראַטיווע קאָמפּליקאַציע, ווערט באַטראַכט אַלס חוצפּה; 2) די צאָל רעליגיעזע אידישע סטודענטען אין מעדיצינישע שולען איז אַזוי קליין, אַז דער דרוק, וועלכען זיי זיינען בכח אויסצואיבען, איז אַ נישטיגער. ווען אַ פרומער סטודענט קומט מיט באַשטימטע פאָדערונגען, ווערט זיין בקשה באַטראַכט אַלס אַ קאַפּריז פון אַ יחיד, און נישט ווי אַ גערעכטער פאַרלאַנג, וואָס איז באַזירט אויף אַ רעליגיעזען פּרינציפּ; והראיה, אַז די איבעריגע אידישע סטודענטען מאָנען נישט קיין ענליכע הנחות.

די נישט־בויגעוודיגע שטעלונג פון די מעדיקאַל סקולס בנוגע רעליגיעזער אָפּהיטונג איבט אויס פּסיכאָלאָגיש אַ זעהר שעדליכען איינפלוס אויף אַ סך אידישע סטודענטען, וועלכע וואַקלען זיך צווישען שמירת און חילול המצוות. דער געדאַנק, אַז גייענדיג אין מעדיקאַל סקול וועלען זיי סיי־ווי מוזען מחלל שבת זיין, פּירט דערצו, אַז נאָך זייענדיג אין קאַלעדזש הערען זיי אויף צו קוקען אויף שבת ווי אויף אַ רעליגיעזען פונדאַמענטאַלען ווערט. אַזאַ שטאַנדפּונקט באַרעכטיגט אין זייערע אייגענע אויגען זייערע שפּעטערע האַנדלונגען.

מיט דער גרינדונג פון דער ישיבה מעדיקאַל סקול פאַלען אַוועק אַלע אויבענדערמאָנטע פּרטים, וועלכע מאַכען כמעט אוממעגליך פאַר אַן אָרטאָדאָקסישען אידען צו שטודירען מעדיצין. אין דער ישיבה־מעדיקאַל סקול וועלען קיין פאָרלעזונגען נישט פאָרקומען שבת; די לאַבאָראַטאָריעס וועלן דעם טאָג זיין פאַרמאַכט. שבת וועט זיין דער אָפּיציעלער רו־טאָג. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די ישיבה־מעדיקאַל סקול וועט האָבען אַ כשר'ע קיך און אַ בית מדרש. מיט איין וואָרט, דאָס שטודירען מעדיצין וועט נישט שטיין אין קיין סתירה צו שמירת המצוות.

צ ו ו י י ט ע נ ס: זייט צענדליגער יאָרען האָבען אידען פאַרקוקט די אַגנאָסטישע איינשטעלונג און די אומרעליגיעזע האַנדלונגען (חילול שבת, טריפות) פון דאָקטוירים. אַפילו אין דעם קליין שטעטעל, וואו דער דעת הקהל האָט נישט טאָלערירט קיין שום אָפּווייכונגען פון דעם טראַדיציאָנעלען לעבענס־שטייגער, האָט מען אויף די עברות פון דאָקטאָר, און אַפילו פון אַפּטייקער, געקוקט מיט אַנדערע אויגען. דאָס איז פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדליך. צום דאָקטאָר און צום אַפּטייקער האָט מען זיך געווענדעט אין אַן עת צרה, איז ווען

THE DAY - JEWISH JOU

ה׳, לעמך״... דאָס געפיל פון דרך ארץ, אין קאָנטראַסט צו ליבע, איז נישט געבויט אויפ׳ן גוטען ווילען און אויף דער סימפּאַטיע פון צווייטען, נאָר איז אַ רעזולטאַט פון בעל־כרהו׳דיגער אָנערקענונג פון באַשטימטע מעשים און שאַפונגען. דרך ארץ קען די אָרטאָדאָקסיע געווינען דורך אָפּהיטען דריי זאַכען: 1) דורך אַוועקשטעלען דאָס פּערזענליכע לעבען אויף אַ הויכער עטיש־רעליגיעזער מדרגה; 2) דורך פאַרטיידיגען פּרינציפּען און אידעאַלען אויף אַן אָנשטענדיגען אופן; 3) דורך דעמאָנסטרירען פאַר דער וועלט, אַז דער תורה־איד דאַרף זיך נישט צוריקציען אין אַ קרן זוית און צוקוקען מיט טרויער און רעזיגנאַציע ווי דאָס לעבען לויפט פאַרביי אים, נאָר קען גיין פעסט און שטאָלץ מיט׳ן שטראָם פון מאָדערנעם לעבען, וועלכער באַוועגט זיך מיט גרויסער שנעלקייט צו נייע האָריזאָנטען פון וויסען און טעכנאָלאָגישער דערגרייכונג. מיר דאַרפען באַווייזען, אַז אין אַלע קולטור, סאָציאַלע אוןווירטשאַפטליכע סיטואַציעס קען אַ מענש לערנען תורה און זיך טריי אויסלעבען ווי אַ תורה איד, און אַז די הלכה אָנשטאָט איינצו־

(שלוס אויף דער ראָמאַן זייט)

# פאַר׳ן פאָלק

**...וועגען פראַגען פון טאָג.**

אתה הורגו״? דאָך, דער „חטאתי״ פאַרלייכטערט אים צום צווייטן דיגרי, און באַצאָלט האָט דוד המלך דעם פולען פרייז, ווי מיר זעען עס אין תנ״ך.

מיט אַכטונג,
שמואל סימן, יאָנקערס, נ. י.

**די וואונדער־שפּראַך אידיש**

חשוב׳ער רעדאַקטאָר:

דוד פינסקי׳ס אַרטיקעל „עברית און ענגליש אין ישראל״ אין „טאָג״ האָט מיר געמאַכט פילען מאָרנע. מיין מאַמע־לשון, אידיש, האָט „פאַרשפּעטיגט דעם באָס״ און זי גייט אונטער. און דאָס קומט פון אַ באַרימטען אידישען שרייבער. צום גליק האָב איך מיר דערמאָנט דאָס די „ענסאַיקלאָפּידיאַ בריטאַניקאַ״ האָט ערשט ניט לאַנג אַרויסגעגעבען אַ ניי ווערטערבוך אין זיבען שפּראַכען און האָט געפונען פאַר נויטיג אַריינצונעמען מיין אָרימען אידיש אַלס איינע פון די זיבען שפּראַכען. פאַרוואָס? פרעג איך מיר, און איך ענטפער זיך אַליין: ווייל אידיש ווערט גערעדט אין אַ סך טיילען פון דער וועלט.

דער גרעסטער וואונדער פון אידיש איז, דאָס מען דאַרף זיך עס ניט לערנען אין גימנאַזיעס, אין אוניווערזיטעטען און פאַקולטעטען. וואו האָט דוד פינסקי זיך געלערנט אידיש? אין דעם זעלביגן אוניווערזיטעט וואו מיר אַלע האָבען געלערנט: פון דער מאַמען און פון גאַס.

אידיש איז אַ פאָלקס - שפּראַך, בפועל ממש! אידיש רעדט זיך פון

זיין באַרעכטיגט צו דעם גליק, דיך צום פאַרמאָגען! האָב איך באַשלאָסן, דאָס דיר אַלץ צו דערציילען, און אויב דו פילסט ווי איך, לאָמיר בײדע עפּעס פּלאַנירען, לאָז מיך טאַקע הע־רען. וואָס דו האָסט צו זאָגען? איך רייד די גאַנצע צייט און דו שווייגסט.

— איך דאַרף דאָך דיך פריער אויסהערען, — האָט מרים פריידיג אַ שפּאַס געטאָן.

דער קעלנער האָט דערווייל צוגע־טראָגען דאָס עסען. מרים האָט זיך נישט געקענט צורירען צו דעם. צו פּלוצלינג איז עס אַלץ געקומען, זי איז צו באַרוישט פון דעם אַלעמען. דוד האָט זיך גענומען בעטען ביי איר זי זאָל עסען, עסען כאָטש אַ קליין ביסעלע. אפשר זאָל ער באַ־שטעלען עפּעס אַנדערש, אַ מער אַפּע־טיטנערע זאַך?...

מרים האָט פּרובירט עסען. דער ענטפער וואָס זי דאַרף געבען דוד'ן איז איר געשטאַנען אין האַלז, אין האַרצען און דאָס עסען איז קוים אַראָפּ. זי האָט געפילט, אַז זי מוז פאָרט עפּעס זאָגען, האָט זי מיט גרויס באַמיאונג אָנגעהויבען:

— דוד, דו האָסט געטראַכט וועגען דעם אַ וואָך צייט, דערנאָך ערשט נאָך צוויי טעג, ביז דו ביזט געקומען צו דעם באַשלוס. פאַר מיר איז עס אַלץ אַזוי פּלוצלינג. לאָמיר נאָך איצט ניט מאַכען קיין באַשלוסען. לאָמיר זיך דערווייל פרייען מיט אָט דער פריינט־שאַפט אונזערער. זאָל די פאַרשטענ־דעניש איינער פאַר'ן אַנדערען וואַק־סען, און עפּעס וואָס איז עכט און אמת'דיג, טיף מענשליך, וועט געפי־נען אַ וועג. אַזוי וועלען מיר אויך אונזער וועג געפינען. אויך איך בין ניט פריי, איך מיין ניט דוקא דאָס בעטען ביי פּאָול'ן אַ גט, איך מיין וואָס איך בין נאָך ניט פריי פון אַ סך אַנדערע זאַכען, באַגריפען, מאָראַלי־שע און געזעלשאַפטליכע.

בעת מרים האָט גערעדט האָט דוד געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. ער האָט איר אויסגעהערט ווי מען הערט אויס אַן אורטייל, אויף לעבען אָדער טויט...

(פאָרזעצ־נג מאָרגען)

ער איז פּלוצים באַפרייט געוואָרען, זיך געוואָרפען אים קושען און האַל־זען. רירענד איז געווען אויך זיין אויפנאַמע אין לוד.

דער מוסר השכל פון דעם אַלעמען

געסען, אַז ער איז עס געווען דער דערפינדער און אויסבויער — און אַ געוויסע צייט דער אויספירער — פון דער סאָוועטישער „גערעכטיג־קייט״...

# וואָס דערוואַרטען מיר פון ישיבה'ס מעדיקעל קאַלעדזש

(שלוס פון דער פינפטער זייט)

שרענקען די אינטעלעקטועל־עמאַ־ציאָנעלע קאַפּאַציטעט און וועלט־קענטעניש פון מענשען פאַרטיפט זי זיי און ברייטערט זיי גאָר אויס. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוזען מיר אויפווייזען די פאַלשקייט פון די טענות פון די אַלע אומרעליגיעזע און פּסעוודאָ־רעליגיעזע באַוועגונגען, וועלכע באַהויפּטען, אַז די הלכה באַ־גרעניצט דעם מענשען און מאַכט אים וועלט־פרעמד. אונזער ענטפער דערצו דאַרף אָבער געגעבען ווערען נישט אין טעאָרעטישע אַרגומענטען, נאָר אין פּראַקטישע מעשים. ווען דער ישיבה וועט זיך באמת איינ־געבען אויסצובויען אַן ערשט־קלאַ־סיגע מעדיקאַל סקול, און דערמיט דערמעגליכען סטודענטען צו פאַר־בינדען אַ תורה־לעבען מיט דער מע־דיצינישער פּראָפעסיע, וועט זי האָ־בען בייגעטראָגען אַ סך צו כבוד התורה און צו דעם פּרעסטיזש פון דער אָרטאָדאָקסיע.

איך שרייב דעם אַרטיקעל אין דעם געמיטס־צושטאַנד פון „ופחד ורחב לבבך״. פון איין זייט טראַכט איך מיט שמחה וועגען דער גרויסער אונ־טערנעמונג, וועלכע קען דערמעגליכען דער ישיבה אַריינצודרינגען אין קריי־זען וואָס זיינען ביז איצט געשטאַנען ווייט פון איר. פון דער אַנדער זייט אָבער, נעמענדיג אין באַטראַכט, ווי איך האָב דערמאָנט פריער, די אויס־טערלישע איינשטעלונג פון אַ סך אי־דישע דאָקטוירים צו רעליגיעזע ווער־טען און עיקרים, שרעקט מיר דאָס האַרץ טאָמער וועלען זיי פאָרט פאַר־שוועכען וועלכען עס איז פּרינציפּ. דאָס געפיל פון פרייד איז פונדעסט־וועגען גובר מיין פּחד, ווייל איך גלויב, אַז די ישיבה וועט האָבען פולען קאָנטראָל איבער דער גייסטיג־רעליגיעזער הנהגה פון דער סקול און וועט שטיין על המשמר, אַז קיין רע־ליגיעזער פּרינציפּ זאָל נישט פאַר־שוועכט ווערען. שבת, למשל, דאַר־פען נישט נאָר אַלע קלאַסען און לאַ־באָראַטאָריעס זיין אָפיציעל געשלאָ־סען, נאָר אויך פאַקטיש טאָר מען דאָרטען נישט מחלל שבת זיין. אפילו די לעצטע צוויי יאָר, ווען די סטו־דענטען מוזען טאָן קלינישע אַרבייט אין די האָספּיטעלער, דאַרפען די אי־דישע סטודענטען באַפרייט ווערען שבת פון דער אַרבייט. אויך אַנדערע הלכות מוזען שטרענג אָפּגעהיט ווע־רען נישט נאָר כלפי חוץ, נאָר אויך בחדרי חדרים. די וויסענשאַפט וועט דערפון קיין זאַך נישט ליידען. די פאַרשוועכונג פון דער הלכה אין דער מעדיקאַל סקול קען פאַרוואַנדלען די גאַנצע אונטערנעמונג אין אַ חילול השם און וועט האָבען אַ קאַטאַסט־ראָפאַלע ווירקונג אויף דער ישיבה אַליין.

איך האָף, אַז מיין גלויבען וועט זיך נישט אַרויסווייזען פאַלש, און אַז די ישיבה וועט זיך נישט לאָזען פאַרפירען פון יעדען נדבן. דירעק־טאָר אָדער מעדיצינישען אַדמיניסט־ראַטאָר, וועלכער וועט זיכער, פון צייט צו צייט, פּרובירען אויסשליסן דעם רעליגיעזען מאָמענט פון דער סקול און אויסמעקען איר אייגענ־אַרטיגע געשטאַלט, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דוקא אין דער ספּעצי־פישער געשטאַלט וועט ליגען איר שטאַרקייט. מיין האָפענונג איז גע־בויט אויף דעם פאַקט, וואָס די ישיבה אַליין איז ביז איצטער געווען די פאַרקערפּערונג פון אייגענאַרטיג־קייט און אַנדערשקייט, און האָט עפענטליך דעמאָנסטרירט די אור־אַלטע השקפה פון יהדות, וועלכע האָט שטענדיג אידענטיפיצירט די אידייע פון בחירה מיט דער אידייע פון הבדלה, אויסדערוויילט זיין מיט זיין אַנדערש און אייגענאַרטיג.

דער אוידיענץ.

מיט פעסטע טריט האָט זי[...] דערנענטערט צום אוידיענץ־זאַ[...] קאַמער־דינער האָט פאַר אים[...] געפענט די טיר.

— אה, נחום, ענדליך זע א[...] ווידער! — האָט דער קעניג [...] רופען, . אויסשפּרייטענדיג [...] אָרעמס, כדי אַרומצואַרעמען [...] דישען פריינט...

(פאָרטזעצונג מאָרגען)




Fr[...]
Blended whisk[...]

TE[...]
גיט אייך
האַרציגע
[...]יפמונטערקייט
★ ★ ★
[...]וואָר־קראָשד״
[...]ול־קרעפטיגערען טעם!

[...]נדזשעט?״
[...]אויסדרוקען, וואָס איר
[...]ענגלישען ביכעלע פון
[...]ויסדרוקען, וועלכע
[...]ען פריי
MR. T[...]
CALVE[...]
405 Lexington[...]

[...]גען זשורנאַל״

דאַרפ[...]
אויף א[...]
צום ביישפּיל . . . אַריינרעכ[...]
24 מאָנאַטליכ[...]
$600 לאָון —
$816 לאָון —
$1008 לאָון —
[...]RCE
די באַנק [...]
[...]in Ave.—DI 2-0115
[...]St.—MA 4-6500
[...]9th St.—MO 5-3100
[...]Concourse—LU 4-4600
[...]B'way—YO 8-5400
אַלע ברענטשעס אָפען 9 [...]
4 נאָכמיטאָג פאַר אַפּלי[...]
[...]rporation